איציק מאַנגער

# אַבֿישג שרייַבט אַהיים אַ בריוו

אַבֿישג זיצט אין איר חדרל
און שרייַבט אַהיים אַ בריוו:
אַ גרוס דער טאָלעקע מיט שאָף –
זי שרייַבט און זיפֿצט אָפּ טיף.

אַ גרוס דער אַלטער מאַמעשי
און דעם אַלטן ליפּעבוים;
זי זעט די ביידע אַלטע לייַט
אָפֿט מאָל אין איר טרוים.

אַ גרוס דעם שיינעם מילנעריונג
וואָס אַרבעט אין דער מיל –
דעם פּאַסטוך עוזר, איר זאָל זייַן
פֿאַר זייַן פֿייַפֿלשפּיל –

דער מלך דוד איז אַלט און פֿרום
און זי אַליין איז „עט“,
זי איז דעם מלכס וואַרעמפֿלאַש
וואָס וואַרעמט אים דאָס בעט.

זי האָט געמיינט... נאָר מאַלע וואָס
אַ דאָרפֿיש מיידל מיינט...
זי האָט נישט איין מאָל אין די נעכט
איר גורל שטיל באַוויינט.

אמת, סע זאָגן קלוגע לייט,
אַז זי טוט אַ ווילע זאַך.
זיי זאָגן אי אַפּילו צו
אַ שורה אין תּנ״ך.

אַ שורה פֿאַר איר יונגן לײַב
און פֿאַר אירע יונגע האָר.
אַ שורה טינט אויף פּערגאַמענט
פֿאַר אַ גאַנצער וואָר.

אַבֿישג לייגט אַוועק די פּען,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער,
פֿון אירע אויגן קאַפּעט, פֿאַלט
אויפֿן בריוו אַ טרער.

די טרער פֿאַרמעקט די „מאַמעשי“
און פֿאַרמעקט דעם „ליפּעבוים“
און אין אַ ווינקל כליפּעט שטיל
אַ צאַרטער מיידלטרוים.

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.